בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' טהרה | ר"ח ניסן | תשע"א | פסחים: ע"ד ע"ב

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט נאכ'ן באקן מצות מיט די תלמידי ישיבה גדולה – שיעור א' און תלמידי ישיבה לצעירים פון קרית יואל, איז געקומען צום מרן רבינו שליט"א הרה"ג ר' משה גרין שליט"א ראש ישיבה ד'מאנסי אויף א באזוך.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען צום רבי'ן שליט"א וועלנדי'ג פערזענליך הערן דעת קדשו בנוגע די מהודר'דיגע ווייץ פאר די מצות פון אריזאנא, און האט טאקע דורכגעטוהן די גאנצע נושא מיט'ן רבי'ן שליט"א בכל פרטי' ודקדקי' בהלכה ונו"כ און אזוי אויך דער מציאות הדברים.

נאך א לענגערע תורה'דיגע באזוך האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א געשיידט פון רבי'ן און אויפן וועג ארויס ווען דער רבי שליט"א האט באגלייט דעם ראש ישיבה שליט"א האט ער געבעטן דעם רבי'ן שליט"א נישט נאכצולאזן נאר ווייטער אנגיין אין די עבודת הקודש און אויפטוהן פאר אידישקייט.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', און נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געפראוועט דעם ראש חודש טיש אינאיינעם מיט'ן מעמד סיום הזמן מיט די תלמידי הישיבה ווי דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די בחורים לרגל סוף זמן און אלס הכנה צו די ימי בין הזמנים און דער יו"ט פסח הבעל"ט.

פארנאכטס האט דער רבי שליט"א אפגעשטאהט א ביקור גומלין ביי האדמו"ר מ'מאחנובקא שליט"א אין שטוב פון הרבני הנגיד מוה"ר הערשל זילבערשטיין הי"ו מחשובי אנ"ש אין וויליאמסבורג, ווי סע האט זיך אנטוויקעלט א שיינער שמועס בדברי תורה און נאך.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 8:30 ביז 11:00 אזייגער אווענט.

אצינד אין די ימי בין הזמנים דאווענט דער רבי שליט"א שחרית יעדן טאג אום 9:00 אזייגער אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל.

מארגן – מיטוואך וועט אי"ה דער רבי שליט"א דאווענען שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ד'.

❧•❧

## תוכן דברות קודש

דעם פארגאנגענעם שב"ק ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די קריאה דיומא פון פרשת החודש אויסטייטשענדיג ע"ד מוסר והתחזקות וואס מען זעט פון א שנת העיבור אז מען קען צוריקברענגן טעג וואס זענען פארלוירן געגאנגען און מען האט נישט אויסגענוצט געהעריג.

❧•❧

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**